# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳
נומער 197

פרשת וישלח · תשפ״ד




## זה היום עשה ד׳ נגילה ונשמחה בו

די נייע פראכטפולע

## ילד שעשועים

אין קרית ברסלב טוט עפענען אירע טויערן מיטן אייבערשטנ׳ס הילף

6



## מסיבת לחיים ביים נייעם בית הוראה שטיבל אין שטעטל ״עמק יחזקאל״ דאנערשטאג ווינא



וועלטליבע נייעס:

### ארגענטינא ערוויילט א נייע פרעזידענט

5



איבער אלץ און אלעמען:

### עלעקטראנישע קארס

10



געראנקען:

### אויפן וועג צו נייעגרא פאלל׳ס

12

וועלטליכע נייעס
ארגענטינא ערוועלט א נייע פרעזידענט
5



שטעטל נייעס
ילד שעשועים עפענט אירע טויערן
6



אלץ און אלעמען
עלעקטראנישע קארס
10



געדאנקען
איפן וועג צו נייערגרא פאלס
12



מיט א טיפערן בליק
איך בין הונגעריג
18



א סעודה מיטן ר"
פרשת שופטים תשפ"ג חלק ב'
23




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, גרשון קרעמער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
וישלח י"ב כסלו תשפ"ד

הדלקת הנרות........... 04:11
מוצאי שבת........... 05:41

מנחה מעריב וישב .... 05:25

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב
**מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו לאה שעניא תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 01 | 41°/29° | Rain |
| Sat 02 | 41°/29° | Partly Cloudy |
| Sun 03 | 40°/33° | Rain/Snow Showers |
| Mon 04 | 45°/34° | Showers |
| Tue 05 | 41°/28° | AM Rain/Snow Showers |
| Wed 06 | 38°/27° | Cloudy |
| Thu 07 | 37°/24° | AM Snow Showers |
| Fri 08 | 36°/25° | Mostly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

נגילה ונשמחה בו

זה היום עשה ד׳

ילד שעשועים
קרית ברסלב ליבערטי

מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן טוען מיר מעלדן אז מיר האבן
ברוך השם געעפענט אונזערע טויערן צו אויפנעמען די חשובע
קימפעטארן'ס מיט אלע צוגעהערן וואס פעלט זיך נאר אויס אין א
קימפעטארן היים. און ועל כולם זענען מיר גרייט מיט פול הארץ און
ווארימקייט זיך אפצוגעבן מיט די קימפעטארן'ס און מיט די פריש
געבוירענע לעכטיגע קינדערלעך.

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר זיך באדאנקן פון טיפעניש פון הארץ פאר אלע
חשובע אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן אז דאס זאל צושטאנד קומען.

ראש וראשון ווילן מיר באדאנקן אונזער געטרייע חבר הנהלה

## מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו

וואס אן אים וואלט דאס נישט געקומען צו ריאליטעט.

**מו"ה ישראל סאמעט הי"ו**
פאר די קאנסטראקציע ארבעט

**מו"ה יואל לאנדא הי"ו**
פאר די עלעקטריק ארבעט

**מו"ה רפאל פורסט הי"ו**
אדמיניסטראטאר המוסדות

**מו"ה נחום ברילל הי"ו | מו"ה שמעון אביש הי"ו | מו"ה יודא אייזנער הי"ו**
**הבחור יעקב סאמעט נ"י | הבחור אפרים שמעון בלומענקראנץ נ"י**
**משפחת אפפעל מיט די קינדער | משפחת מזרחי | משפחת היימליך**
**משפחת לאקס | משפחת פינטער**

דער אייבערשטער זאל ענק בצאלן מיט אלעס גוטס, איר זאלט
האבן נחת פון די קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות, איר
זאלט האבן די כח און די זכי' ווייטער צו העלפן דעם הייליגן רבינ'ס
מוסדות א גאנץ לעבן מיט וואס איר קענט נאר ביתר שאת וביתר עוז.

ZEBRA

בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן א הערצליכן

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו

### וזוגתו תחי'

גבאי בקרית ברסלב ליבערטי
און רעדאקטער פונעם וועלט בארימטן "קרית ברסלב בלעטל"

וואס געבט זיך אוועק יעדע וואך עקסטער ארויסצוגעבן
דעם הערליכן בלעטל וואס איז וועכנטליך מחי' און מחזק
טויזנטער אידישע קינדער פון איבער די גאנצע וועלט.

## לרגל שמחת
## הולדת הבת למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש
נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו
זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און
פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

קרית ברסלב בלעטל

און די רעדאקציע
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראסער, משה ארי' שניטצלער,
ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## ארגענטינא ערוויילט א נייע פרעזידענט

״כאוויער מיילי״ איז די נאמען פונעם קוראיזן טראמפ סטיל פארשוין וועלכע האט געווינען די פרעזידענטליכע וואלן די פארגאנגענע וואך אין ארגענטינע, נאכדעם וואס ער האט פארלוירן די ערשטע רונדע צו זיין קעגנער מיט זיבן פראצענט, האט ער יעצט געווינען מיט עלף פראצענט.

מיילי איז א רעכט געניגטער ליבערטעריען וועלכער איז געלאפן אויף אן אנטי עסטעבלישמענט פלאטפארמע, און האט ווילדע געדאנקען איבער וויאזוי צו פארערכטן די עקאנאמיע, בשעת ארגענטינע גייט איבער אין די טעג א פינאנציעלע קריזיס וואס איז געווען א גרויסע אישו אין די וואלן.

מיילי האלט זיך זייער נאנט מיט אידן, בפרט האט ער גאר גוטע באציאונגען מיט חב״ד, ער גלייכט צו באזוכן ביים אהל פון ליובאוויטש אין קווינס.

דער נייער פרעזידענט איז א שטיצער פון באגרעניצן די רעגירונג, און וויל מאכן גרויסע טוישונגען אין די ארגענטינע רעגירונג, ער זאגט אז ער וועט פארשפארן די ארגענטינע פעדעראלע באנק, צוליב וואס זיי האבן נישט געקענט באקעמפן די שרעקליכע אינפלאציע אין ארגענטינע, און ער וועט טוישן די וואלוטע צו אמעריקאנע דאלארן.

אין ארגענטינע האבן די בירגער באשלאסן אז עס איז צייט איבערצוקלערן די נייע וועגן און אפשר מעג מען צוריק גיין צו די פריערדיגע קאנסערוואטיווע וועגן, אפשר וועט עס זיי העלפן. איך בין נישט זיכער, אבער עס איז א גוטע טריי.

אויב מיר גייען דורך א קריזיס אין אונזערע שטובער, אפשר מעגן מיר צוריק גיין און אנהייבן פאלגן די ווערטער פון די תורה, חז״ל און די הייליגע צדיקים כפשוטו. ביי אונז איז עס נישט קיין שאלה צי עס וועט העלפן, עס וועט זיכער העלפן.

אפשר מעגן מיר שוין אנהייבן צו רעדן צו אונזערע קינדער פון קדושה? אפשר איז שוין צייט אוועקצואווארפן די אלע כלים און אנהייבן אויסצוהערן די ווייב און קינדער. אפשר איז שוין צייט מיר זאלן זיך ברעכן אונזער גאוה און זאגן די עברי פון משניות ווי א כיתה אלף אינגל. אפשר מעגן מיר שוין אנהייבן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, און נישט ווארטן אויף פרייטאג ווען מיר ווייסן אז מיר יאגן עס נישט אן אפילו אין די לאנגע זומערדיגע פרייטאג. אפשר מעג מען שוין רעדן אפן פון אמונה, אן דעם וואס מען זאל זיך דארפן פארענטפערן דערויף. אפשר איז שוין צייט מען זאל אפלאזן מחלוקת און אויפהערן צו קוקן שלעכט איינער אויפן צווייטן, אפשר איז שוין צייט מיר זאלן אנהייבן קוקן גוט אויף זיך, אויף די ווייב, אויף די קינדער, אויף די שכנים, אויפן רב, און אויפן אויבערשטן. אפשר איז שוין צייט מיר זאלן אויסהערן שידוכים פאר די קינדער אפילו מיין שכן וועט פרעגן ״אזוי שנעל״, אפשר איז שוין צייט צו קוקן אויף וואס איז גוט פאר מיר, און אויפהערן לעבן פאר יענעם?

די אלע זאכן קאסטן נישט קיין געלט. פרובירט עס אויס דעם געשמאקן וועג, און לאזט מיר וויסן וויאזוי עס איז געווען. גוט שבת!

# שטעטל נייעס

## ילד שעשועים עפענט אירע טויערן בעזרת השם



גאר א פרייליכע שטימונג הערשט אין שטעטל אין די טעג מיטן עפענונג פונעם נייעם "ילד שעשועים" קימפעטארין היים וואס האט מיטן אייבערשטנ'ס הילף געעפענט אירע טויערן אין די יעצטיגע טעג.

פאר א צייט צוריק איז דער געטרייער עסקן מו"ה יואל הכהן הי"ו געקומען צום ראש ישיבה מיטן געדאנק פון עפענען אן אייגענעם קימפעטארין היים, וואס זאל סערווירן די געברויך פון נשי אנשי שלומינו וואס דארפן זיך אויסרוען נאכן האבן א קינד, וואס גיין זיך אפרוען אין אנדערע פלעצער קען ברענגען מיט זיך שוועריקייטן, ווי למשל די הויכע פרייזן וואס מען בעט פאר א נאכט, וואס דאס קומט צוליב דעם וואס מען שפירט אז מען דארף צושטעלן די קימפעטארן היים מיט גאר גאר א הויכע סטאנדארט, וואס דער אמת איז אז מען דארף דער עיקר די הארץ און געפיל וואס ליגט דערין, נישט דוקא די אלע פענסי לייטס און טיילס ארום און ארום.

צוליב דעם און נאך סיבות האט דער ראש ישיבה געזען פאר וויכטיג ארייצוטאנצן אין א פרישע פראיעקט פון אהערשטעלן א קימפעטארן היים, וואס וועט זיין צוגעשטעלט מיט הארץ און נשמה אויף א שיינעם איידעלן אופן.

עס וועט נישט דוקא האבן די הערליכע בליטשקעדיגע טיילס, די הערליכע שיינע מאלדינגס און דאס גלייכן, נאר עס וועט מער האבן אין זיך די הארץ פון די וואס שטעלן דאס אהער.

דער ראש ישיבה האט געשטעלט משפחת אפפעל שיחי' צו שטיין בראש און זען אז אלעס זאל זיך פירן ווי עס דארף צו זיין אויפן שענסטן וועג.

ווי מיר שטייען יעצט איז שוין די שיינע "ילד שעשועים" גרייט און אויסשטאפירט פאר די קימפעטארינס. צו באשטעלן א בעט אין די צייט פון א שמחה קען מען רופן מרת אפפעל תחי'.

## הערליכע לחיים פארגעקומען ביים בית הוראה שטיבל "עמק יחזקאל"



פארגאנגענעם וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען גאר א שיינע מעמד לחיים פארן נייעם בית הוראה שטיבל אין שטעטל בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה מיט די כולל אינגעלייט זענען אריבערגעגאנגען צום נייעם שטיבל וואס געפונט זיך ביים שטוב פונעם דיין שליט"א דקהילתינו. דער ראש ישיבה האט געמאכט א ברכת מזונות און געטרינקען א לחיים, און דערנאך גאר שיין געוואונטשן דעם דיין שליט"א.

אויפן פלאץ איז געגעבן געווארן דער נאמען פארן בית הוראה שטיבל "עמק יחזקאל" נאכן נאמען פונעם קארלסבורגער רב זי"ע - זיידע פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס דער דיין שליט"א האט נאך געהאט די זכי' צו לערנען ביי אים.

אויך איז דאנערשטאג אינדערפרי' פארגעקומען די פארהער אין כולל אויף א חלק הלכות שבת, און ביים לחיים האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט די בחינות פאר די כולל אינגעלייט מיט די הגהות וואס דער דיין שליט"א האט צוגעצייכענט דערויף ביי יעדן פערזענליך.

**אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה**

# היכל הקודש נייעס

קרית ברסלב

## ערשטע באנד פון ספר אשר היה אל יואל ווערט געדרוקט



נאכדעם וואס עס איז שוין דורך כמעט א יאר פון וואס דער הערליכער גליון אשר היה אל יואל האט אנגעהויבן צו ערשיינען, האט דער בית הדפוס געמאלדן אז זיי זענען יעצט אינעם פאזע פון דרוקן די ערשטע באנד אלס א באזונדערע ספר.

די ספרים און קונטרסים "אשר היה אל יואל" באשטייט פון די דברות קודש וואס דער ראש ישיבה שליט"א גיבט איבער וועכענטליך ביי שלש סעודות, קלאר און הערליך אראפגעשריבן.

דער ספר ווערט ארויסגעגעבן דורכן קרן הדפסה, וועלכע לייגט אריין גאר גרויסע כחות אז דער ספר זאל ארויסקומען שיין און באַטעמ'ט, און ווי זיי געבן איבער גייט עס בעזרת השם גיין צום דרוק בערך אין א חודש פון יעצט. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף דעם ספר אז די זעלבע הבטחה וואס מוהרא"ש האט געגעבן אז מען וועט זען זיכערע ישועות אויב מען דרוקט "אשר בנחל" גייט אויך אן ביי "עצתו אמונה", און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט אז דאס איז אויך גילטיג ביי "אשר היה אל יואל".

די וואס ווילן קויפן א זכות אין דעם ספר פאר $500 אדער דער וואס וויל אפקויפן די זכות פון די מהדורה פאר פינף טויזענט דאלער קען זיך ווענדן צום געטרייען גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449.

בארא פארק

## מסיבת בן גמלא אריין אין שוואונג



אין די יעצטיגע וואכן איז אריין אין גאנג די מסיבות בן גמלא וואס ווערט געמאכט יעדע וואך אין א אנדערע געגענט, כדי צו געבן די געלעגנהייט פאר אלע אנשי שלומינו צו נעמען א חלק דעריין.

צום ערשט איז פארגעקומען א מסיבת אין מאנסי אין שטוב פון מו"ה אלי' קנויל הי"ו וואס איז אלעמאל גרייט ארויסצוהעלפן, און יעצט האט ער אויך זיך ארויסגעשטעלט און געגעבן זיין דירה פארן אט די הייליגע מסיבה.

די צווייטע מסיבה איז פארגעקומען אין בארא פארק אין שטוב פון מו"ה שמעון גאנצפריעד הי"ו. אינמיטן די מסיבה איז געווען גאר א שיינעם סורפרייז ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען זיך משתתף זיין און באשיינען די מסיבה.

עס איז פארמירט געווארן א שיינעם שמועס מיטן ראש ישיבה שליט"א פאר א שטיק צייט, פון וואס אנשי שלומינו אין בארא פארק האבן זייער הנאה געהאט און באקומען חיזוק אויף ווייטער.

צו באשטייערן און נעמען א חלק קען מען אלץ רופן מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו אדער מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו.



# מעשיות פון תפילה

## אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

פארגאנגענעם ערב שבת קודש האט מיין ווייב געדארפט ארויסגיין פון שפיטאל נאכן האבן א קינד למזל טוב. עס האט געהייסן אז מען וועט שוין קענען ארויסגיין בערך ביי חצות, אזוי אז עס וועט זיין גענוג צייט אנצוקומען קיין קרית יואל אויף שבת.

עס איז געווארן די צייט וואס מען דארף ארויסגיין האבן זיי געזאגט אז עס גייט נאך נעמען נאך צוואנציג מינוט ביז אלע פאפירן וועט זיין מסודר, די דאקטער דארף עס נאך אדורכקיקן און נאר נאכדעם קען מען ארויסגיין. מיר האבן אנגעהויבן ווערן נערוועז, ווייל עס ווערט נענטער און נענטער צום זמן, איך וויל נישט ארויספארן שפעט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ אז זיי זאלן מיר שוין ארויסלאזן ווי אמשנעלסטן, ווייל איך וויל האבן גענוג צייט צו אנקומען קיין קרית יואל. אויך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אלס א זכות זיי זאלן מיר שוין ארויסלאזן.

שכח אייבערשטער אז זיי האבן זיך געגעבן א שאקל אינטער און אונז ארויסגעלאזט פון דארט, און עס איז נאך געווען גענוג צייט אנצוקומען צייטליך פאר שבת קודש.

## אשר לעמל זוסמאן - קרית ברסלב:

איך האב געהאט אנגעגרייט געלט צו צאלן פאר שכר לימוד וואס דאס איז די וויכטיגסטע זאך וואס דארף ווערן באצאלט.

למעשה האט זיך געמאכט א די וואש מאשין האט זיך צובראכן פון איין מינוט אויפן צווייטן, צוליב דעם וואס מיר האבן דאס אנגעפילט מיט צופיל וועש, מיר האבן געטראכט צו ניצן די געלט פאר דעם, אבער עכט האבן מיר דאס נישט געוואלט טון.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך פארריכטן, איך זאל נישט דארפן רופן איינעם עס פאררעכטן, און אזוי נישט דארפן ניצן די שכר לימוד געלט.

איך האב נאכאמאל פרובירט עס אנצוצינדן און עס ניצן, שכח אייבערשטער עס האט טאקע אנגעהויבן ארבעטן, און אזוי האב איך געקענט צאלן שכר לימוד אין צייט.

## בערל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך בין געווען אויפן וועג קיין בארא פארק, אינמיטן האט די GPS אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, וואס דאס האט גורם געווען איך זאל פארפארן פונעם גראדן וועג, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל צוריק אנהייבן ווי געהעריג כדי צו קענען צוריק אנקומען צום ריכטיגן וועג.

שכח אייבערשטער אז פון איין מינוט אויפן צווייטן האט זיך עס צוריק אנגעצינדן, און אזוי האב איך מיר געקענט צוריק טרעפן אויפן גראדן וועג.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל קאנאדא:

איך האב א קרעדיט קארד מאשין צו קענען רעכענען קרעדיט קארטלעך ווען איך גיי נאך הפצה. איין טאג איז ארויפגעקומען א מעסעדזש אויפן מאשין אז עס ארבעט נישט מער צוליב דעם וואס עס פעלט די סים קארד, איך האב נישט געוויסט וויאזוי צו פאררעכטן דעם פראבלעם.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וויאזוי צו פאררעכטן דעם פראבלעם, אדער זאל איך טרעפן איינעם א גוטן שליח וואס קען זיך אויס דערמיט און קען מיר דאס פאררעכטן.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א וואוילן איד וואס קען זיך אויס מיט די סארט זאכן און ער האט מיר דאס גערן פאראכטן.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הי"ו.**

זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַזוֹי וִוי גֶעפְּלַאנְט; אִיךְ בִּין פַארְשְׁלָאפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוֶועקְט אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין דִי וָואךְ מִיט עֶנְק, **מִיטְהַאלְטְן דִי כּוֹלֵל בּוֹקֶר, מִיטְהַאלְטְן דִי מִנְיָן שַׁחֲרִית אוּן בְּעִיקָר זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס**; אִיךְ הָאף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ צוּ קוּמֶען גְלַייךְ אָנְהֵייבּ וָואךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֶוייטְנְ'ס כָּבוֹד, אִיר זָאלְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. הַאלְט פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר טֶעג פַארְ'ן הִסְתַּלְּקוּת. מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַאךְ, דָא הָאט אִיר דֶעם לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: "**דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי**", אִיךְ בֶּעט אַייךְ דִי לֶעצְטֶע בַּקָּשָׁה פוּן מַיין לֶעבְּן, "**שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד**", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, "**לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת**", מַיין גַאנְצֶע ווִילְן אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל פוּן מַחְלוֹקֶת קוּמְט אַרוֹיס נָאר צָרוֹת.

בַּיים סוֹף פוּן דִי בְּרִיוו שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָ"אשׁ נָאכְאַמָאל: "**הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם**", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אַז אִיר וֶועט הַאלְטְן דִי וֶוערְטֶער פַאר אַייךְ וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## אַ רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעוָואלְט **אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט פוּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְצֵיילְט:** נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה, קוּמְט צוּ צוּ מִיר אַ אִיד אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ, אַז זַיין זוּן אִיז אִים פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְויסְט וואוּ דֶער זוּן גֶעפִינְט זִיךְ, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צוּקְרִיגְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אֵיין טָאג בַּאקוּמְט עֶר אַ טֶעלֶעפָאן רוּף, זַיין זוּן וֵויינְט: "**טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פוּפְצְן פָּאלִיצֵיי אָפִיצִירְן, רֶעד צוּ זֵיי**"; עֶפֶּעס הָאט עֶר זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיטְ'ן גֶעזֶעץ. דֶער אִיד זָאגְט מִיר: "עֶס אִיז אַרַיין אִין מִיר אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהָאלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשִׁיקְט גֶעלְט"; דֶער אִיד זָאגְט מִיר: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּקְרִיגְט, פְּלוּצְלִינְג וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אִים וִוי עֶר וֵויינְט "טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר", הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים".

פְרֶעג אִיךְ דִיר, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דָאס רַחְמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז; וֶוען מִיר פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַ בְּחִינָה וִוי מִיר זֶענֶען צוּקְרִיגְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג גֶעבְּט דֶער אִיד אַ שְׁרֵיי: "**טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיר**", וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, הֶעלְפְט אוּנְז אוּן גֶעבְּט אוּנְז וָואס מִיר דַארְפְן.

(מכתב ערב שבת ויצא תש"פ)

גרשון קרעמער




# עלעקטראנישע קארס און טשארדשינג סטעישאנס

די וועלט איז היינט אויף מיט עלעקטראנישע קארס, בעיקר פון די טעסלא פירמע וואס האט זיך געמאכט א באקאנטע נאמען. ווייניג ווייסן אבער אז די ערשטע עלעקטראנישע קארס זענען שוין ארויסגעקומען מיט איבער הונדערט יאר צוריק. אין די יארן ווען די קאר אינדוסטריע איז נאך געווען אין די וויגעלע, האבן שוין אינזשענירן ארויסגעגעבן די ערשטע עלעקטריק קארס. פארשטייט זיך אז די קארס זענען געווען זייער פרימיטיוו, און עס איז געווען אין פראקטישן זין זייער שווער צו נוצן. בעיקר האט עס געמאנגעלט אין צוויי טעכנאלאגישע דורכברוכן, איינס איז געווען די בעטעריס, וואס כדי עס זאל זיין פראקטיש עס צו נוצן דארפן די בעטעריס זיין גענוג גרינג, און קענען טראגן גענוג עלעקטריק צו טראגן די קאר א שטיקל וועג. און די צווייטע איז טשארדינג סטעישאנס, וואס דאס איז בכלל נישט געווען בנמצא דעמאלטס.

במשך די יארן האט די אינדוסטריע געהאט פארשידענע דורכברוכן, אבער די גרעסטע דורכברוכן זענען געווען טאקע אין די צוויי זאכן, צוערשט איז אנטוויקעלט געווארן די "ליטיום אייאן בעטערי" וואס האט געקענט האלטן אסאך מער ענערגיע אין אסאך א קלענערע פלאץ, און די צווייטע איז געווען אין טשארדזשיג טעכנאלאגיע, וואס ערמעגליכט אנצופילן די בעטעריס גענוג שנעל אז עס זאל זיך לוינען.

פארשידענע פירמעס לייגן אריין גרויסע כוחות צו מאכן די נייערע קארס בעסער און מער סעיף, צווישן אנדערע ארבעט מען צו טרעפן אנדערע מאטריאלן פאר די בעטעריס וואס וועט געבן מער ענעריגע און וועט זיך לאזן נאך שנעלער טשארדזשן, אזוי אויך ארבעטן ריסוירטשערס צו פארבעסערן די ווייערלעס טשארדזשינג מעגליכקייטן, וואס וועט ערמעגליכן צו מאכן די טשארדזשיג אויפן פארקינג און די קאר וועט בלויז מיטן פארקן העכער דעם זיך נעמען טשארדזשן.

היינט צו טאגס פארמאגן די עלעקטריק קארס א שיינע טייל פון די קאר מארקעט, און עס שטייט היינט ביי בערך 8% פון אלע קאר פארקויפונגען, און גייט נאר ארויף מיט יעדעס יאר. כמעט יעדע קאר פירמע האט שוין היינט צו טאגס כאטש איין קאר וואס לויפט אויף עלעקטריק, און גרויסע פירמעס פלאנען צו האבן זייער גאנצע אדער לכל הפחות גאר א גרויסע טייל פון אלע זייערע קארס נאר עלעקטריק אין די קומענדיגע פינף ביז פופצן יאר.

עס זענען דא פארשידענע מעלות און חסרונות פון עלעקטריק קארס, צווישן די מעלות ציילן זיך אז די קארס באדארפן אסאך ווייניג מעינטענעס, עס האט נישט קיין אויל טשעינדזש, האלט זיך אסאך לענגער בכלל. אזוי אויך זענען די קאסטן פון ענעריגע זייער ביליג, אזוי אויך פארט עס אסאך שטילער און מער געשמירט.

צווישן די חסרונות ציילן זיך, אז אויב מען וויל פארן לאנגע שטרעקעס מער ווי וויפיל די בעטעריס קענען פארנעמען דארף מען זיך אפשטעלן פאר גאנץ לאנג צומאל א האלבע שעה אדער אפילו א שעה צו אנפילן, אזוי אויך קען די פרייז צו קויפן אזא קאר זיין אביסל טייערער.

דאס אבער וועט מען נישט הערן פון קיינעם "אז פאר מיין טאטע און מיין זיידע איז א געז קאר גוט געווען, וואס זוך איך מיך נייע זאכן?"...

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז די וועלט געבט קרעדיט פאר קריסטאפער קאלאמבוס פארן "אנטדעקן" אמעריקע, פארוואס קומט זיך אים קרעדיט, אמעריקע איז אייביג געווען פון ששת ימי בראשית? אבער פארט ער האט עס מגלה געווען. די זעלבע זאך איז לגבי אידישקייט; רעדן צום אויבערשטן איז נישט קיין נייע זאך, די סדר דרך הלימוד איז נישט קיין נייע זאך, רעדן שיין צו די ווייב איז נישט קיין נייע זאך, וויסן די חשיבות פון יעדע קליינע זאך וואס מען טוט פארן אויבערשטן איז נישט קיין חידוש, דאן

פארוואס זענען מיר אזוי דאנקבאר דעם אויבערשטן אז ער האט געשיקט דעם רבי'ן אויף דער וועלט? נאר די אלע זאכן זענען געווען באהאלטן פון אונז, און דער רבי דעקט עס אויף פאר אונז. מיר זענען געווען צובראכן, מיר האבן שוין נישט געזען קיין האפענונג, און דער רבי בלאזט אריין אין אונז א חיות, מאכט אונז עפענען א ספר, מאכט אונז דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר האבן חתונה געהאט.

עס איז גאר נאריש די טענה פון מענטשן וואס זאגן "וואס זוכסטו זיך נייע זאכן?" ווייל א מענטש דארף קוקן וואס ער האט אין די הענט, פונקט ווי בגשמיות וועט מען זיך נישט נארן, און קויפן עפעס אן אלטע סעטישען וועגן, נאר מען וועט קויפן די בעסטע קאר, די זעלבע ברוחניות טאר מען זיך נישט נארן, נאר מען דארף גיין אויף א פלאץ וואס פארקויפט דיר א וועג וואס קען ארבעטן פאר מיין מצב.

אז מיר ווילן ווייטער לעבן מיט די הייליגע עצות ווילן מיר האבן א זיס לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.



## זייגערס ווערן צוריקגערוקט

נישט לאנג צוריק האט מען אין אמעריקע צוריקגערוקט דעם זייגער מיט א שעה. די ציל פונעם גערוקטן זייגער איז צו בענעפיטירן אלגעמיינע אמעריקאנער זאל קענען געניסן פון מער טאג ליכטיגקייט במשך די זומער חדשים, דעריבער רוקט מען דעמאלטס צוריק די זייגער מיט א שעה כדי עס זאל ווערן טונקעלער מיט איין שעה שפעטער אויפן זייגער (אין אנדערע ווערטער טוט מען דערמיט שטופן מענטשן זיך צו לייגן א שעה פריער און אויפשטיין א שעה פריער) דאס קומט צוליב וואס אין די זומער חדשים ווערט זייער פרי ליכטיג, און מען האט געוואלט אז די שעות פארטאגס ווען עס איז שוין ליכטיג זאל אויך קענען גענוצט ווערן פראדאקטיוו.

אבער במשך די עטליכע ווינטער חדשים לוינט זיך שוין נישט דאס געשעפט וויבאלד עס ווערט זייער שפעט ליכטיג, און ווען מען האט עס אויספרובירט אין יאר 1794 למספרם אז מען האט געלאזט דעם זומער זייגער א גאנץ יאר האט זיך עס אויסגעשטעלט אלס נישט פאסיג, מענטשן האבן גע'טענה'ט אז זיי מוזן גיין צו די ארבעט ווען עס איז נאך טונקל, און אז זייערע קינדער דארף גיין אין די שולעס זייער פרי פארטאגס.

די יעצטיגע איינשטעל אז די ווינטער זייגער איז בלויז פאר בערך פיר חדשים איז געווארן איינגעשטעלט אין יאר 2005 למס' דורכן דעמאלטס'דיגן פרעזידענט בוש דער צווייטער, וואס ביז דעמאלטס איז די ווינטער זייגער געלאפן פאר בערך פינף חדשים.

עס זענען דא פילע אין אמעריקע וואס זענען קעגן די גאנצע געדאנק פון רוקן די זייגער, מענטשן זאגן אז עס נעמט זיי עטליכע טעג אדער וואכן ביז זיי שפירן זיך באקוועם מיט די גערוקטע זייגערס, בפרט אנפאנג פון די זומער זייגער ווען מען פארלירט א שעה, זאגן מענטש אז מען שפירט זיך מיד עטליכע טעג. אין אן אנקעטע האבן בערך פערציג פראצענט אמעריקאנער געזאגט אז זיי װאלטן געוואלט האבן א גאנץ יאר די זומער זייגער, און בערך דרייסיג פראצענט נאר די ווינטער זייגער, און אונטער פינף און צוואנציג פראצענט ווילן ווייטער אנהאלטן דאס רוקן די זייגער.

ביי אונז אידן איז טון דעם רצון ה' דאס וויכטיגסטע, דערפאר אויב זאל מען לאזן די זייגער אויף א גאנץ יאר וואלט עס געמאכט א גרויסע שוועריקייט פאר פילע אידן וואס דארף פארן צו די ארבעט און דארט זיין פרי אין טאג, וויבאלד לויט די זומער זייגער וואלט אויסגעקומען עטליכע וואכן וואס די נץ החמה וואלט געווען נאך אכט אזייגער אין פילע שטעט אין אמעריקע.

משה ארי׳ שניצלער

# אויפ׳ן וועג צו נייעגרע פאלל׳ס



רבותי ס׳קומט טערביולאנס!

רבותי די פליגער גייט זיך א שאקל טון!

פעסטן סיט בעלט!

ס׳קומט ערנסטע טורביולאנס!

קאללינג אלל פעסענדזשערס! די סכנה איז גרויס! כאפ די אקסידזשען מאסק! לייג די צוויי בענדלעך ארום דיין אויער! מאך זיכער אז די לופט פון די עראפלאן אקסידזען טאנק גייט אריין אין דיר! האלט די מאסק טייט!

ימי און אברהמי זענען געווען זייער נאנטע חברים, ממש אזוי ווי צווילינג ברודערס, זייער מלמד אין כתה ה׳ האט אפגעמאכט אז זיי דארפן זיך רופן מיט די ערנסטע נאמען "בנימין" און "אברהם". זיי האבן נישט געהאלטן ביים פאלגן, זיי ווילן זיך האלטן מער אויף די טשילערישע זייט, די פאות גע׳דזשעלי׳ט יעדן טאג, די שיך גע׳פאליש׳ט יעדן פרי מארגן, די בראוני קעיק פאר ריסעס האט געמוזט זיין דוקא אין א "זיפ לאק" בעג. בקיצור, קריספי, קראנטשי, ראפאגאש מיט אלע פיטשעווקעס.



זיי זענען געווען ענדליך מיט יעדע זאך, געוואוינט אויף איין גאס, געריסן אויף די זעלבע בייק, צוזאמען צאמגעשטעלט די "נוי סוכה קיט", געליינט די זעלבע מעשה ביכלעך, געגאנגען צו די זעלבע "הכנה לבר מצוה" מתמידים כתה, פארשטייט זיך אז ביי חזרה זענען זיי געווען א חברותא וואס דער מלמד האט נישט געקענט צושיידן, און אזוי אויך ביים איינטיילן די בעטן אין קעמפ.

נאך די בר מצוה זענען ביידע געגאנגען אין ישיבת "בני אייערקיכל ד׳מאטיאשהערינג" שעל ידי מוסדות "דופן עקומה", דארט האט מען נאר אריינגענומען בחורים וואס לערנען בהתמדה אכצן שעה א מעת לעת און קענען צוויי טויזנט בלאט גמרא אויסענווייניג מיט אלע ראשונים ואחרונים, אדער בחורים וואס דער טאטע האט געגעבן פופציג אלפים.





נאך די חתונה האבן ביידע געלערנט אין בית המדרש הגדול לטוחני האט-קאפס וואו זיי האבן בהתמדה גדולה צומאלן קאפי קאפס פון צופרי ביז ביינאכט, די התמדה האט זיך געענדיגט ביינאכט ווען די ווייבלעך האבן שוין געענדיגט לייגן שלאפן די צוויי פיצלעך קינדער.

נאך עטליכע יאר האבן ביידע געעפנט א עמעזאן ביזנעס, ביידע האבן שיין מצליח געווען. בקיצור, "לייף, דהי' ווער איטס מענט טו בי".

די איינציגסטע חילוק וואס איז געווען צווישן זיי איז געווען אז אברהמ'על איז געווען זייער א קארגער מענטש, נישט סתם קארג, עפעס אויסטערליש קארג.

איינמאל האט אברהמעל'ס בעיבי זיך געשטיקט - רחמנא ליצלן - אויף א פעני, מ'האט געמיינט אז אט אט.... חס ושלום...... ווען דער הצלה מאן איז געקומען צו לויפן, האט אברהמ'על אים געזאגט ער זאל עס מאכן שנעל ווייל געלט טאר נישט זיצן אן מאכן אינטערעסט...

זיין קארגשאפט איז אריבער אלע פראפארצן, איינמאל זענען זיי געפארן מיט זייערע משפחות אויף א געפלאנטע וואקאציע קיין נייעגרע פאללס, אברהמי מיט זיין עסקעלעיד, און ימי מיט זיין נעוויגעיטער, אינמיטן ווען איז געשען וואס איז געשען, אברהמ'על רופט ימי, קום העלף מיר ווייל איך האב געכאפט א פלעט, (א געלעכערטע רעדל, א "פאנקטשער" (puncture) זאגט אים ימי, זיי נישט פויל נעם דיין ספעיר טייער (פיפטע רעדל) און לייג עס ארויף, מאך עס שנעל, איך וויל אונזערע וואקאציע פלענער זאלן נישט זיין געספוילט.



**כ'האב גענוצט די פינף הונדערט דאלער וואס אלע טפשים לייגן אין די פיפטע רעדל, כ'האב עס געלייגט אין באנק און ס'ברענגט אינטערעסט יעדע מינוט!**

זאגט אים אברהמי, דו מיינסט איך בין טאקע פון די שוטים וואס פארן מיט א איבעריגע רעדל פאר צען יאר ווייל אפשר וועט געשען א פאנקטשער?! איך בין אביסל קלוגער פון דעם! כ'האב גענוצט די פינף הונדערט דאלער וואס אלע טפשים לייגן אין די פיפטע רעדל, כ'האב עס געלייגט אין באנק און ס'ברענגט אינטערעסט יעדע מינוט! אפילו ווען איך שלאף!

מענטשן פרעגן א קושיא אויף ברסלב, פארוואס זאל מען זאגן משניות יעדן טאג? בעסער זאל מען מאכן א קאמפעין אז אין א טאג וואס ס'קומט נישט אויס צו לערנען מיט די חברותא (מיין טאטע / שווער מאכט חתונה א קינד, אדער חס ושלום אין






שפיטאל מיט א צובראכענע האנט / פיס) דעמאלטס זאל מען טון די זאך פון "זאגן" משניות, אבער ווען די סיסטעם פארט רוטין דארף מען בכלל נישט זאגן, נאר זיך פארלייגן "נאר" צו לערנען בחברותא, מיט אלע ראשונים ואחרונים.

גוטע קושיא...

די ערשטע תירוץ איז אז מוהרא"ש דער גרויסער צדיק און פראקטישער מענטש האט אויך געוואוסט פון די מרפסין-איגרא-קושיא, אז מוהרא"ש האט געזאגט אז זאגן משניות יעדן טאג ברענגט א מענטש צו רואיגקייט און צו טראכטן פון דעם אייבערשטן האט ער געוואוסט וואס ער רעדט.

די צווייטע תירוץ איז, פרוביר צו זאגן משניות פאר עטליכע טעג און זאג מיר אויב דו האסט נאך עפעס א קושיא... דו וועסט נישט וועלן אראפלייגן די משניות פון גרויס זיסקייט...

די דריטע זאך איז, אויב דו וועסט נישט זאגן משניות יעדן טאג וועסטו בעל כרחך אדורך גיין טעג אן תורה, ביי רוב מענטש איז דאס דער טרוקענער מציאות, אין די לעצטע צוועלף חדשים האסטו יעדן טאג געלערנט? ראש השנה? יום כיפור? פורים? ערב תשעה באב צופרי? מוצאי תשעה באב? שבת לערנסטו? חנוכה לערנסטו?



כ'הער נישט... חנוכה לערנסטו?

די אורות גייען פליען, די הארץ גייט ברענען, ס'גייט שפריצן פונקען פייער פון די חנוכה לעכט, אוי ויהי נועם.... למנצח בנגינות....... די דביקות'דיגע ניגון ביי אנא בכח...... אוי מ'לויפט צו באבי'ס חנוכה פארטי'...... מארגן ביי עלטער באבי'...... איבערמארגן ביי די עלטער פעטער....... איבער איבער מארגן בי די עלטער עלטער שוואגער........ די קינדער ברעטשענען...... פלאטשקענען אין די נאסע מאראסטיגע שניי'.......... סי'געווען אזא גארדזשעס חנוכה פארטי'......... סאמטינג ספעשעל..... נאך א מזל די קינדער האבן גע'pose'ד פאר די פיקטשער נאכ'ן ציפן און קוויטשענען קום אהער די סקונדע! איך צייל ביז דריי! קום אהער און זאג טשיז פאר די קעמרע! אז נישט באקומסטו נישט די ריזיגע דריידל אנגעפילט מיט גענוג צוקער צו מאכן hyper ביז מ'גייט נאך חנוכה ווייטער יעדן צווייטן דינסטאג צום טערעפיסט.

די אורות גייען פליען, די הארץ גייט ברענען, ס'גייט שפריצן פונקען פייער פון די חנוכה לעכט

שוין... נאך חנוכה גייט מען זיך געהעריג נעמען אין די הענט אריין... איך גיי שוין יעצט רופן אין געשעפט צו ער האט די נייע קובץ אויף פרק חזקת הבתים...

ווייל דו ביסט נישט פון די נאראנים וואס גייען מיט א פיפטע רעדל אויף די קאר, ס'איז סתם א שטות...

דו ביסט דאך נישט פון די נאראנים וואס "זאגן" משניות יעדן





טאג, ווייל דו קענסט אין די צייט לערנען בעיון... ממש א שאד די צייט...

שוין די העכסטע צייט צו פרובירן די עצה פון זאגן משניות, געב עס פינף מינוט א טאג, אלעס וועט ווערן בעסער.

רבותי ס'קומט טורביולאנס! מ'גייט כאפן א שאקל, יעדע וועג פון לערנען בעיון כאפט אמאל א זעץ, א שאקל, ס'ווערט צוטראסקעט, יעדער מענטש האט אמאל אין לעבן א טורביולאנס, א שאקל וואס קען חס ושלום שטערן זיין לערנען בעיון, יעדער מוז אמאל אנקומען צום פיפטן רעדל, יעדער מענטש קען אמאל זיין אין א מצב וואס ער קען נישט יעצט לערנען, נאר זאגן, בעסער גרייט זיך אן פון פריער, ווייל ווען מ'איז שוין אינעם קריזיס, חס ושלום, איז כמעט נישט מעגליך אנצוהייבן די זאך פון זאגן, מ'קען נישט שאפן א פיפטע רעדל ווען מ'איז שוין אין א פאנקטשור, נאר אויב מ'האט אנגעגרייט די פיפטע רעדל א לאנגע צייט פריער, ווען ס'האט אויסגעזען איבעריג, ווען אברהמי' האט דיך געהאלטן פאר א שוטה, הייב אן זאגן משניות יעצט ווען ס'איז רואיג.

**יעדער מענטש האט אמאל אין לעבן א טורביולאנס**

אז דו וועסט זיך נישט שרעקן פון דיין חבר וואס לאכט פון זאגן משניות, וועסטו לערנען יעדן טאג חנוכה, דו וועסט פילן אז ס'איז לעכטיג, אלעס איז פיין, אלעס איז וואויל, פיקטשער שמיקטשער, party shmarty, זאלן אלע קינדער טאנצן און קוויטשקענען, איך האב היינט געהערט וואס ר' שמעון בר יוחאי זאגט, וואס ר' עקיבא און ר' טרפון זאגן, איך ווער נישט נערוועיז פון קיין איין בעיבי וואס וויינט און קרעכצט ביי די חנוכה פארטי... איך האב א משניות אין טאש און כ'האב אלעס אויפ'ן בוידעם.

אוי וויי! כ'האב פארגעסן צו ברענגען צו די פארטי די טריפל קאקאו פאדזש וואנילא סינעמאן גראנאולא אוטבערן רעזל דריזל פיזל סטראבערי בלובערי באסטן קרים pie פון די נייע דייעט קוק בוק!

אבי כ'האב נישט פארגעסן מיין קליינע משניות, סטראבערי שמאבערי, באסטן שמאסטן, כ'בין זיכער אז דערוילעם וועט אהיימגיין זאט אויך אן מיין געזונטע דייעט גראנאולא געמויזעכטס.

סאו זאל איך מבטל זיין מיין חברותא וואס איך לערן גמרא תוספות? חלילה! ווער רעדט פון מבטל זיין?! לייג צו דריי מינוט א טאג און זאג א פרק משניות..... עולמך תראה בחייך! דאס וועט דיר געבן א לעכטיגן ווינטער, א רואיגע חנוכה, א שיינע משפחה-פארברענג, א זיסע יאר מיט מנוחת הנפש ושלוות הדעת.



# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִיק

## בְּלַייבּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים גְרֶענִיץ

וֶוען רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּת יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין שְׁטָאט יַאס צוּ דְרוּקְן דֶעם לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז עֶר אֵיין שַׁבָּת גָאר שְׁטַארְק דוּרְשְׁטְרִיק גֶעוָוארְן, אִיז עֶר אַרַיין צוּם אָרְטִיגְן רָב בֶּעטְן אַ טְרִינְק וַואסֶער.

דֶער רָב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט פוּן וֶועלְכֶע שְׁטָאט עֶר קוּמְט, רֶבִּי נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן 'בְּרֶסְלֶב' הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר קוּמְט פוּן שְׁטָאט 'טוּלְטְשִׁין', וֶוען דֶער רָב הָאט גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶס אִיז דֶער שְׁטָאט 'טוּלְטְשִׁין' הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶס אִיז נָאנְט צוּ 'בְּרֶסְלֶב', הָאט דֶער רָב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'ן חָסִיד רֶבִּי נָתְלֶ'ע"?

הָאט רֶבִּי נַחְמָן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רָב אִיז נִישְׁט קַיין מִתְנַגֵד, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זַיין אַ תַּלְמוּד פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז דָא גֶעקוּמֶען צוּ דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים. דֶער רָב הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סֵפֶר אוּן זִיךְ דֶערְנָאךְ אָנְגֶערוּפְן "עֶס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס מֹחַ אוּן רֶבִּי נָתָן'ס מוֹיל".

שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נַחְמָן הָאט דָאס פַארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיף מַיין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס מֹחַ אוּן מַיין מוֹיל".

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דְרוּקְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּרִיק צוּ בְּרֶסְלֶב כְּדֵי צוּ זַיין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי רֶבִּי נָתָן.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז בַּיים גְרֶענִיץ אִיז מֶען בּוֹדֵק יֶעדְן אֵיינֶעם, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל פַּחַד דֶערְפוּן, אוּן הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיסְגֶעדְרֵייט, אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִיבֶּער שַׁבָּת בַּיי אֵיינֶעם אִינְדֶערְהֵיים.

בְּמֶשֶׁךְ שַׁבָּת הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט יֶענֶעם אִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ גֶעוִויזְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ.




דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְפְלַאמְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מִיט אַזֶעלְכֶע סְפָרִים וָואלְט אִיךְ גֶעפָארְן אוּן אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַלֶע גְרֶענִיצְן אָן קַיין שׁוּם פַּחַד". רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן פוּן דֶעם זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר, אוּן תֵּיכֶּף וּמִיַּד זוּנְטָאג הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אוּן אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּשָׁלוֹם.

וֶוען עֶר הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אַז דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה בַּיים גְרֶענִיץ וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט דָארְט פַארְבְּלַייבְּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן. פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט? וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט פַּאסִירְט אַז וֶוען דִי זְמַן פוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיסְטוּ גֶעוֶוען וַוייט פוּן דָארְט.

(אילן החיים קלה -קלו)



# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- נ"ו -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן דִי רֵייזֶע קַיין קַאמִינִיץ. דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין קַאמִינִיץ אִיז גֶעוֶוען גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ זָאגְן דֶערוֹיף.

* * *

טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן צוּ טְרֶעפְן דָארְט כְּתָבִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס עֶר הָאט עֶס דָארְט פַארְשְׁלָאסְן אִין אַ שְׁטֵיין, אוּן גֶעוִויסֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִין קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דֶעם, עֶר הָאט קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן פַאר דֶעם, וַוייל עֶס פֶעלְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס דִי כְּתָבִים, אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי כְּתָבִים וָואלְט מֶען דָאס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִים אַהֵיים.



גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בַּיים עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ג, ט') **"דָבְקָה נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ"**. דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן הוֹיכֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין נָאר צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַזַא תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ זָאגְן נָאךְ פִיל גְרֶעסֶערֶע אוּן הֶעכֶערֶע תּוֹרָה".

אִין יֶענֶע צַייט, נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן קַאמִינִיץ, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי פֶערְטֶע טָאכְטֶער. אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער מְ'הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "סְ'וֶועט נָאךְ אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר נָאךְ פִּילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין תְּנוּעָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט בַּיי מִיר צְוִוישְׁן פַאר אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קַאמִינִיץ, אוּן פוּן נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער סְ'וֵייסְט פַארְוָואס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין דִי הֶענְט פוּן כְּנַעַן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ דִי אִידְן עֶס בַּאקוּמֶען, דֶער וֵוייסְט אוֹיךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין קַאמִינִיץ, אוּן נָאכְדֶעם פָאר אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

עֶרֶב פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אַז דָאס יָאר וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. [דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר].

יֶענֶעם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ע"ז, כ') **"וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ"**, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אָנְהוֹיבּ פָּסוּק אוֹיפְ'ן סוֹף, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה מִיטְ'ן פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא, אוּן פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט הָאט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיכֶער פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִין לוֹיף פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי קְלָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר וִויל מְקַיֵים זַיין דָארְט אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, עֶר וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִצְוֹת וָואס גֵייט אָן נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּזַאמֶען מִיט דִי מִצְוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי אַלֶע מְקַיֵים זַיין צוּזַאמֶען בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹת גֶעהֶערִיג בְּגַשְׁמִיוּת.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מַשִּׂיג זַיין חָכְמָה עִלָּאָה. וַוייל סְ'אִיז דָא חָכְמָה עִלָּאָה אוּן חָכְמָה תַּתָּאָה, אוּן חָכְמָה תַתָּאָה הָאט עֶר שׁוֹין, עֶר דַארְף נָאר נָאךְ מַשִּׂיג זַיין דִי חָכְמָה עִלָּאָה, אוּן דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ טַעַם פַארְוָואס עֶר פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶפֶּעס דַארְפְן פוּן זַיין זֵיידֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל, וָואס לִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פְלֶעגְט עֶר שִׁיקְן צוּ אִים דֶעם צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל וָואס לִיגְט אִין סַאמִילֶע. יֶעצְט אִיז אָבֶּער זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט שִׁיקְן צוּ אִים רֶבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל, דֶערְפַאר פָארְט עֶר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי צוּ רֶעדְן מִיט זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל, אוּן אוֹיךְ אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען וִויסְן פוּן אִים שְׁטֶענְדִיג, צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַלֶעמָאל וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן פוּן אִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# איך בין הונגעריג



ישראל דוד העסקעל

ער זיצט ביים טיש אויסגעהונגערט און נערוועז, ער קלאפט מיטן פינגער איידערלעהייט בשעת ער ברומט שטיל ווי א בער 'נא ברענג שוין עפעס עסן'.

די פוס ווארפט זיך אים, ער דמיונט שוין אויס די גאנצע סעודה, ער איז הוגעריג, ער קען נישט געדענקען אזא הונגער, ער ווייסט זיך נישט ווי אהין צו טון, ווי אהער צו טון, ווער ס'וואגט זיך נאר צו טרעטן אין זיין ד' אמות כאפט קולות וברקים.

די ווייב און די קינדער, אלעס ארום יעדער ציטערט פון אים, א הונגעריגער מענטש פארלירט די דעת אינגאנצן, ער איז עלול צו טון ווער ווייסט וואס...

ער געבט א לאז ארויס א הילכיגער נאאאאא!!! אלעס לויפט, יעדער ברענגט, מ'מאכט גרייט ער זאל קענען שוין עפעס עסן און יעדער זאל קענען ווערן רואיג, די שטוב זאל צוריק גיין צו סדר נארמאל.

ענדליך הייבט אן קומען א גאנצע סעודה צום טיש, די שמעק פון די פרישע חלות רייצט אים שוין די אפעטיט אז ער שפירט ער גייט פלאצן! מיט איין אטעם לויפט ער צום סינק ער וואשט זיך על נטילת ידים ער שניידט אויף די הייסע קריספי חלה און הייבט אן עסן מיט אפעטיט...



קיינער רעדט נישט ארויס א ווארט פון מויל יעדער ציטערט אים צו שטערן חלילה, ער איז דאך אזוי הונגעריג. ער באלעקט זיך מיט די חלה, דיפס און פיש מיט סעלעדס. יעדער זאך וואס קומט ארויף אויפן טיש גייט גראד האלב דערפון אין זיין טעלער אריין.

אזוי זיצט ער א האלבע שעה און דערכאפט זיך זיין הארץ ער איז נאכנישט פארטיג, ער גייט פאר נאך א סלייס, ער עסט און עסט, אזוי ביז די נעקסטע קורס קומט שפירט ער שוין מער וויניגער פול.

ביי די פלייש קען ער שוין נישט קוקן אויף קיין עסן קוים קוים שטופט ער אריין אביסל פלייש יוצא צו זיין.

ביים סוף סעודה בענטשט ער. און מיט דעם ענדיגט זיך די דראמאטישע סצענע, די משפחה און אלעס ארום איז שוין רואיג, די דראמא איז אריבער ענדליך איז



ער דא צוריק מיט אונז געהעריג, מ'ציטערט שוין נישט צו שטיין אין זיינע ד' אמות ער איז שוין גוט אויפגעלייגט און פריילך א מחי'.

נאך אזא גוטע סעודה פרעגט ער פון זיינע קינדער ווער וויל קומען אויף א שפאציר? אלע שטימען מיט אז נאך אזא סעודה דארף מען טאקע גיין אביסל אפשפאצירן דאס עסן.

אזוי גייען זיי אינאיינעם די גאנצע משפחה אויף א געשמאקע רואיגע שפאציר אויף אן אנגעפילטע מאגן. אזוי שפאצירנדיג טרעפט ער אן זיין חבר ער באגריסט אים שיין וואס מאכט איר?

יעצט מאך איך גארנישט ענטפערט ער אים... וואס? עפעס האט פאסירט? וואס קענסט נישט רעדן נארמאל? איך פרעג דיך א נארמאלער קשיא וואס איז די מעשה מיט דיר?

גארנישט, איך בין הונגעריג, איך בין אויפן וועג אהיים איך האב נאך היינט גארנישט געגעסן, איך שפיר ווי איך גיי אויס, איך בעט דיר לאמיר גיין ווייטער.

נא נא אקעי גיי זיי געבענטשט. ער טראכט צו זיך 'וואס יענער איז טאקע אזוי הונגעריג כ'מיין מ'האט שוין געהערט אזאנס ווער איז נישט אמאל הונגעריג? פאר דעם דארף ער אזוי רעדן צו מיר? ער קען זיך נישט מסדר זיין און רעדן נארמאל?

נאר וואס? דער איד איז שוין אנגעפילט ביז אויבן ער האט שוין פון לאנג פארגעסן אז ער איז אמאל געווען הונגעריג און ער האט זיך אויפגעפירט צען מאל ערגער...

יעצט איז ער אזוי זאט ער קען נישט טראכטן פון עסן במילא קען ער נישט פארשטיין דעם הונגעריגן מענטש פארוואס ער פירט זיך אזוי אויף.

***

דער ראש ישיבה פארציילט: אמאל איז א צדיק געגאנגען נאך געלט פאר אן אלמנה וואס האט נישט געהאט קיין הייצונג אין די פרעסטיגע ווינטער טעג.

ער קלאפט אריין ביי א גרויסע גביר אינדערהיים, דער גביר עפענט די טיר און פרעגט דעם איד: "וואס קען איך אייך העלפן?"

זאגט ער: "איך גיי נאך געלט פאר א ארימע משפחה!" זאגט דער גביר: "פיין קום אריין דא דא אינדערהיים אין מיין אויפנאם צימער, און לאמיר הערן וועגן די צוועק". זאגט דער צדיק: "ניין איך וויל רעדן דווקא דא אינדרויסן אין גאס!" דער גביר האט פראבירט זיך איינצובעטן אז די וועטער איז פרעסטיג קאלט אפשר דאך קומט דער רבי אריין אינעווייניג, אבער דער צדיק האט זיך פאר'עקשנ'ט בשום אופן נישט ער וויל דווקא רעדן דא אינדרויסן.

דער גביר זעט אז ער האט נישט קיין ברירה זאגט ער פיין איך בלייב אינדרויסן וואס קען איך אייך העלפן?

הייבט דער צדיק אן צו זאגן הער אויס





דא אין שטאט וואוינט א צובראכענע אלמנה און זי האט ממש נישט קיין לחם לאכול, יעצט איז די ווינטער געקומען און ס'איז נישט דא אויף קיין הייצונג די מצב איז שרעקליך די גאנצע משפחה ווארפט זיך פאר קעלט!

אזוי?! גראד נעמט ער ארויס א א גרויסע סכום און געבט עס אהין!

ביים סוף פארן אוועקגיין זאגט דער איד איין זאך וויל איך נאר פרעגן וואס איז פשט אז איר האט געוואלט שטיין דווקא דא אין די קעלט? איר וואלט דאך געקענט אריינקומען צו מיין ווארימע שטוב און רעדן צו מיר דארט?

איך וועל אייך מסביר זיין, זאגט ער, ביי אייך אין שטוב איז פיין ווארעם ווען איך וואלט אייך דארט געזאגט אז ס'איז דא אן אלמנה וואס גייט אויס פאר קעלט וואלסטו געטראכט ביי זיך ווער גייט אויס פאר קעלט... מ'קען מיינען... דו וואלסט קיינמאל נישט געקענט שפירן וואס זי שפירט.

דעריבער האב איך דיר דווקא דא ארויסגעשלעפט אינדרויסן אין די ציפעדיגע קעלט זאלסט שפירן אביסל וואס זיין קאלט מיינט אזוי וועסטו קענען רחמנות האבן אויף די אלמנה.

יעדער איד איז הונגעריג נאך דעם רבינ'ס עצות נאך אביסל חיזוק ער ווארט שוין איינער זאל אים זאגן דער אייבערשטער האט ליב דיינע מצוות דיין תפילין איז אזוי חשוב אויבן, האב רחמנות אויף זיי אים אויך מזכה מיט דאס וואס האסט באקומען!

מיר זיצן אין א ווארימע שטוב וואס רופט זיך "היכל הקודש" עס איז פיין ווארעם און געשמאק, איך ווייס וואס איך האב צו טון, וואס מיין ציל איז אין לעבן, איך ווייס די חשיבות פון גיין דאווענען אין שול שחרית מנחה מעריב מיט מנין, איך ווייס קלאר וויאזוי צו לערנען, איך נעם יעדן טאג א חומש און איך לערן דעם שטיקל פון יענעם טאג, דערנאך נעם איך א משניות און איך זאג פרקים משניות עס איז ממש א מחי' - ביי מיר איז פיין ווארעם. נאכדעם נעם איך א גמרא און איך מיש די הייליגע בלעטער פון די גמרא, עס איז געשמאק און זיס וואס איז דא בעסער פון דעם?

אז עס פאסירט איך האב שווערע מינוטן וואס ס'הייבט מיר אן ברענען צו טון לא עלינו נישט גוטע זאכן וואס מען טאר נישט טון, ווייס איך גלייך וואס איך האב צו טון, איך שריי גלייך ארויס אפאר ווערטער צום אייבערשטן "הייליגער באשעפער ראטעווע מיר פון דעם ברענעדיגן פייער וואס ברענט אין מיר און עס וויל מיר אינגאנצן פארברענען, העלף מיר".

אבער איין מינוט, וואס טוט זיך מיט מיינע חברים וואס לעבן נאך אין די קעלט, וואס טוט זיך מיט אידישע קינדער וואס ווערן נאך נעבעך פארפרוירען פאר קעלט אין די וועלט וואס איז פיל מיט שווערע נסיונות, זיי ווייסן נישט צו וועם זיך ווענדן, זיי מיינען אז דער טערעפיסט וועט אים העלפן ארויסגיין פון זיינע פראבלעמען, ער פארלאזט זיך אז אויב וועט ער גיסן בליי פאר א קליינעם אפצאל וועט אים



דעמאלט אלעס זיין נאר גוט און לעכטיג.

לאמיר ארויסגיין אין די קעלט און דארט טרעפן אונזערע ברודער וואס ווערן נעבעך דארט פארפרוירען אינעם קאלטן שטוב וואס די מאן און ווייב רעדן שוין נישט צוזאמען פאר גאנצעטע טעג און וואכן, עס הערשט דארט אזא קאלטקייט, אז אפילו די קינדער ארום שפירן דאס שוין און זיי ווערן נעבעך אויך פארפרוירען נעבעך.

קום ארויס פונעם ווארימען דעקע, און לאמיר רחמנות האבן אויף די אידן וואס האבן נישט דעם געשמאקען דעקע זיך צו שיצן אינטערן ווארימען משניות, לאמיר זיי אויך געבן א קונטרס א האט ליין נאמבער וואס דאס וועט אים געבן שוין זיך צו באשיצן פון די קעלט וואס בוזשעוועט איבעראל היינט.

די פראבלעם הייבט זיך אן אז מיר זעען נישט פון אינדרויסן ווער עס פרירט פאר קעלט, עס זעט אויס אז אלע זענען גוט באשיצט, אלע האבן א פיינעם ווארימען געשמאקן לעבן, ווער דארף די התחזקות? ווער דאוונט נישט יעדן טאג די דריי תפילות? ווער לייגט נישט קיין תפילין? ווער דארף התחזקות צו לערנען יעדן טאג? אלעס זעט אויס אזוי שיין פון אינדרויסן.

ווער דארף הפצה? וועמען פעלט עפעס בכלל? כמיין ס'איז דאך פשוט אז יעדער רעדט שיין אין שטוב. וואס ווילסט מיר זאגן אז דער אידל דארט רצח'ט זיינע קינדער נעעע ווי קען זיין?

א מענטש וואס איז זאט וועט קיינמאל נישט פארשטיין א הונגעריגע איינער וואס לעבט מיט דעם רבינ'ס עצות קען קיינמאל נישט פארשטיין איינער וואס אים פעלט נאך דעם רבינ'ס עצות.

פון אינדרויסן קען מען גארנישט זעהן אלעס קוקט אויס אזוי שיין פון אינדרויסן אבער אינעווייניג טוט זיך א מלחמה קיינער האט אים נישט געזאגט אז מיט א ווייב טענהט מען נישט מ'רעדט נאר שיין אין שטוב ער הונגערט נאך דעם רבינ'ס עצות ער ווארט שוין איינער זאל אים קומען זאגן נעם א בלאט גמרא און לאז נישט קיין טאג דורכגיין אן לימוד התורה!

דאנק דעם אייבערשטן פאר די חסד אז דו ווייסט יא פונעם רבינ'ס עצות אז דו ביסט יא אנגעזעטיגט פון די לעכטיגע וועג וואס צדיקים האבן פאר אונז אויסגעטרויטן און האב רחמנות אויף דיין חבר וואס הונגערט ווי א בער ער ווייסט אליין נישט וואס פעלט אים.

זיי מחי' נאך אידן זאלן וויסן פון די זיסע לעכטיגע עצות פון דער וועג פון לעבן פון קענען זיין א פרייליכע צופרידענע זאטע מענטש.



# חנוך לנער על פי דרכו

מ. פורסט

**חנוך לנער על פי דרכו,**
**באשעפער העלף איך זאל וויסן ווי אזוי.**

*יעדע קינד איז א וועלט פאר זיך,*
*טאטע העלף מיך.*
*מיט מחנך זיין יעדע קינד,*
*זיי זאלן אויפוואקסן ערליך און געזונט.*

*איינער הערט נישט אויף צו רעדן,*
*כסדר דארף מען אים אויסהערן.*
*וואס טוט מען מיט א כעס'ן,*
*אז ער זאל ווערן רואיג און געלאסן.*

*די נעקסטע טוט זאכן איבערדרייען,*
*און מיט דעם טוט ער זיך פרייען.*
*די אנדערע איז אינטערגעציפט,*
*איך וויל איר קענען אנקוקן גוט.*

**חנוך לנער על פי דרכו,**
**באשעפער העלף איך זאל וויסן ווי אזוי.**

*זאל איך ווייטער רעדן,*
*ווען מען מיר דען אויסהערן?*
*אפשר יעצט זאל איך זיין שטרענג,*
*באשעפער ווייז מיך דעם וועג.*

*א קינד וואס איז שטיל,*
*וויאזוי ווייס איך וואס ער וויל.*
*ער טוט זיך אויף די ערד אראפווארפן,*
*ווען ער טוט עפעס דארפן.*

*נאך א קינד ווארפט זיך פאר פחד און שרעק,*
*באשעפער נעם עס יעצט אוועק.*
*זיי זאלן האבן זעלבסט זיכערקייט,*
*נישט מורא האבן פון יעדן קלייניקייט.*

**חנוך לנער על פי דרכו,**
**באשעפער העלף איך זאל וויסן ווי אזוי.**

*מיט מחנך זיין יעדן קינד,*
*זיי זאלן אויסוואקסן ערליך און געזונט.*
*געב מיר די כוחות,*
*אויפצושטעלן שיינע דורות.*



# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי
פרשת שופטים תשפ"ג חלק ב'



## י. פ. געבט איבער א סעודה מיטן ראש ישיבה פרשת שופטים תשפ"ג חלק ב':

דער ראש ישיבה האט דערציילט: ביים סוף מלחמה איז מיין זיידע דער ווייצענער רב זכותו יגן עלינו געשטאנען אנטקעגן א דייטש מיט א גאן, און דער נאצי האט אים כמעט געשאסן רחמנא לצלן, דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז יענע רגע האט אראגעטאנצט נעבן זיי א אידישער אמעריקאנער סאלדאט מיט א פאראשוט, און דער דייטש האט זיך דערשראקן און גלייך אנטלאפן פון דארט. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט נאך געקענט דעם אידישן סאלדאט, ער האט געוואוינט אין פארא פארק.

ווען די אמעריקאנער סאלדאטן זענען אנגעקומען אין לאגער, און זיי האבן געזען וואס טוט זיך דארט האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען, זיי האבן זיך נישט געקענט פארשטעלן אין וויסטן חלום ווי אזוי ס'קוקט אויס מענטשן אן פלייש נאר הויט אין ביינער, זיי זענען געווען אויסגעהונגערט, אן קיין טראפ כח. אבער זייער טעות איז געווען אז זיי האבן גענומען ווארפן עסן, זיי האבן געווארפן סאלאמי און פלייש, זיי האבן נישט געכאפט אז מענטשן וואס האבן חדשים און יארן נישט געגעסן, קען זייער מאגן נישט פארנעמען פעטע פלייש, די מענטשן האבן זיך צוגעכאפט צו די עסן, און פון דעם אליין זענען אסאך מענטשן געשטארבן לא עלינו.

### זיך לאזן הרג'ענען?

איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האט געפרעגט צו יענע עסן איז געווען כשר, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז זיי האבן געמעגט עסן נישט כשר'ע עסן ווייל ס'איז געווען פיקוח נפש. האט דער ראש ישיבה געזאגט: ס'איז נאר דא דריי עבירות אויף וואס מען דארף זיך לאזן הרג'ענען, דאס איז עבודה זרה, גלוי עריות, און שפיכות דמים. דאס הייסט אז טאמער איינער הייסט דיר טון איינע פון די דריי עבירות, למשל ער זאגט דיר "אדער הרג'סטו דיין ברודער, אדער גייט מען דיר הרג'ענען" טאר ער נישט הרג'ענען זיין ברודער. אבער טאמער איינער זאגט דיר "צינד אן א לעקטער שבת טאמער נישט הרג'עט מען דיר", מעג מען יא אנצידן א לעקטער שבת,

אדער אויב א גוי סטראשעט דיר אז ער גייט דיר הרג'ענען אויב דו עסט נישט טריפה פלייש, דארף מען זיך נישט פאר דעם לאזן הרג'ענען, ווייל דאס איז נישט פון די דריי עבירות אויף וואס מען דארף זיך לאזן הרג'ענען.

**איך וויס נישט די וועג צוריק... אה, איך וועל קוקן וואו די קעצעלע גייט, וועל איך וויסן די וועג צוריק!**

## מסירות נפש פאר אידישקייט

ס'איז געווען ערליכע אידן וואס האבן זיך יא מוסר נפש געווען נישט צו עסן טריפה. דער ראש ישיבה האט פארציילט וואס דער קלויזנבורגער רב זכותו יגן עלינו האט פארציילט - דער קלויזנבורגער רב פלעגט רעדן שטאט, הארציג, און רוהיג - ווען ער איז אנגעקומען אין אושוויץ איז נישט געווען צו עסן נאר טריפה'נע זופ וואס זיי האבן געטיילט דארט, איז ער געגאנגען אין א זייט און געוויינט צום אייבערשטן און געזאגט: "רבונו של עולם איך וויל נישט עסן קיין טריפה, איך וויל זיך נישט טריפה מאכן מיין מויל, איך האב נאך קיינמאל נישט געגעסן טריפה, העלף מיר". אזוי האט ער געבעטן דעם אייבערשטן פאר אפאר מינוט.

פלוצלונג הערט ער איינער רופט אים ביים נאמען, איז ער געגאנגען קוקן ווער ס'איז, זעט ער ס'שטייט דארט א מענטש און ער פרעגט אים צו דער און דער רב איז זיין טאטע, און ער זאגט אז יא, האט ער אים געגעבן א גאנצע ברויט, און א טעלער דזשעם - מארמאלאד, אין לאגער איז דאס געווען א מורא'דיגע אוצר, א ברויט און א טעלער דזשעם.

## א מעשה מיט א קעצעלע

יעדע זאך וואס דער ראש ישיבה האט פארציילט האט ער אריינגעלייגט דעם אייבערשטן מיט אזא זיסקייט.

איינע פון די קליינע קינדער האט געזונגען עפעס א ליד פון א קעצעלע, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: ווילסט הערן א מעשה פון א קעצעלע? ס'איז געווען עפעס א מענטש וואס האט געגעבן צו עסן מילך פאר א קעצעלע, און די קעצעלע האט געהאלטן אין איין קומען, ער האט שוין געוואלט פטור ווערן האט ער געטראגן די קעצעלע אויף עפעס א ווייטע וועג.

אבער ער האט פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן, און די קעצעלע איז צוריק געקומען. ער האט ווייטער נישט געבעטן דעם אייבערשטן, נאר ער האט געטראגן די קעצעלע מער ווייטער, און די קעצעלע איז צוריק געקומען.

ביז ער האט אפגעמאכט אז יעצט וועט ער טראגן די קעצעלע אזוי ווייט אוועק אז זי וועט שוין קיינמאל נישט וויסן די וועג צוריק. און ער איז געגאנגען, און געפארן, און אוועקגעטראגן די קעצעלע ווייט ווייט ווייט א געדרייטע ווייטע וועג, און ער האט דארט אראפגעלייגט די קעצעלע.

נאכדעם האט ער זיך געכאפט אז ער ווייסט אויך נישט די וועג צוריק... האט ער געטראכט אז ער וועט קוקן וואו די קעצעלע גייט, וועט ער וויסן די וועג צוריק...

ווען א קינד האט געזאגט עפעס א זאך, האט דער ראש ישיבה געמאכט פון דעם א שמועס אריינצוברענגען דעם אייבערשטן, ס'איז געווען זייער זיס.

## די פאקסי געים



נאכדעם האט מען אריינגעברענגט פאקסים און דער ראש ישיבה האט געזאגט: אקעי מען קען אנפאנגען די פאקסי געים. איינע פון די קינדער האט געפירט די געים, דער ראש ישיבה האט אים געהייסן יעצט פרעג אים, און נאכדעם פרעג אים. ער האט אנגעפאנגען פרעגן: וועלכע האסטו ליב? און מען האט געדארפט זאגן למשל די רויטע. האט דער אינגל געזאגט ניין! דער אייבערשטער האסטו ליב און די רויטע גלייכסטו.

אזוי האט ער געפרעגט פאר אלעמען, און דער ראש ישיבה האט אים געהאלטן אין איין אריינזאגן זאכן וואס צו פרעגן, דער ראש ישיבה האט אים געהייסן פרעגן יעדן איינעם לויט זיין מצב.

פאר א בחור האט ער געפרעגט מיט א שידוך אדער אן א שידוך, מיט א שפיצל אדער א טיכל, עס איז געווען זייער פרייליך.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון שמעון: וואספארא פאקסי דארפסטו מיט א שידוך אדער אן א שידוך האט ער געזאגט מיט א שידוך. פאר ראש השנה, אדער נאך ראש השנה, האט ער געזאגט פאר ראש השנה.

## דערגרייכט דעם ציל

וואס איז געווען אינטערעסאנט איז אז מען האט שוין כמעט געהאט געענדיגט די שפיל, און אינמיטן קומט צו לויפן דער קליינער נחמן נתן שטעטל פון דריי יאר און ער זאגט: זיידי, מיין בעיבי האט ליב דעם אייבערשטן און זי גלייכט א אראנדשע. דער עולם איז געווען אזוי איבערגענומען אז א קליינער אינגל זאגט אז אונזער בעיבי האט ליב דעם אייבערשטן, דאס מיינט ער זאגט וואס ער טראכט.

דער ראש ישיבה האט זיך געגעבן א רוף אן: ״די מישן איז דאן (דערגרייכט דעם ציל)״. דאס האב איך געוואלט, ס'זאל אים אריינגיין אין קאפ אז איך האב ליב דעם אייבערשטן.

## וויצן און חידות

נאכדעם האט מען געבענטשט. נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט ניסעלער, און דער ראש ישיבה איז געזעצן און געמאכט וויצן, יעדע קינד האט געזאגט זייערע דשאוק'ס און חידות. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער: זאג פאר די גאסט די דזשאוק און די דזשאוק, זאג אים די חידה און די חידה. איך געדענק נישט אלע דזשאוק'ס, איך וועל מוזן גיין נאך א סעודה צו קענען די דזשאוק'ס.

ביי די שמועס פון שייטל - שפיצל, האט דער ראש ישיבה געזאגט, א טיכל איז אזוי שיין, איך ווייס נישט וואס די אינגעלייט מאכן משוגע וועגן א שייטל, א טיכל איז אסאך שענער.

## זייער מצליח נאך די חתונה

דער ראש ישיבה האט פארציילט פון עפעס א שאלה וואס איז אנגעקומען צו אים וואס איינער האט געשיקט די וואך, א פרוי שרייבט אז איר מאן מאכט איר משוגע זי זאל עסן און עסן און עסן, ער וויל האבן א גראבע ווייב... זי פרעגט אויב זי מעג זאגן פאר איר מאן אז זי האט שוין גענוג געגעסן, ווייל זי האט שוין נישט קיין כח צו עסן אזויפיל...

## נו קום טאנצן

נאכדעם האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן, מען האט געטאנצט אויף ונשגב השם לבדו, ס'איז געווען זייער זייער פריילך.

ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון דארט האב איך געשפירט אז איך וויל ממש טאנצן, איך האב געזען די בחורים דרייען זיך אזוי שבת צופרי נאכן טשולענט, און איך האב זיי געוואלט זאגן: נו קום טאנצן. איך האב געפרעגט די אנדערע וואס זענען געווען ביי די סעודה, ענק ווילן נישט טאנצן? און זיי האבן מיר געזאגט יא מיר שפירן די זעלבע, מיר ווילן אויך טאנצן.

דער ראש ישיבה האט געהייסן וואלווי זאל גיין ברענגען די איבעריגע די טשולענט פון די בחורים ער זאל עס אוועק לייגן אויף זונטאג, ער איז צוריק געקומען זאגן אז ס'איז שוין ליידיג, האט דער ראש ישיבה געזאגט: שבח אייבערשטער אז די בחורים עסן.

## סכך הכל פונעם סעודה

איך וויל מאכן א קליינע סך הכל וואס איך האב ארויסגענומען פון די סעודה: די ערשטע זאך וואס איז געווען ביי די סעודה עולה על הכל איז די שמחה, די שמחה וואס איז דארט געווען איז מורא'דיג מורא'דיג.

נאכדעם די רעספעקט, די רעספעקט וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן פאר זיין ווייב, און זיין ווייב פאר אים דאס איז מורא'דיג.

> **אריין לייגן אין יעדע זאך דעם אייבערשטן, אבער מיט חכמה ס'זאל נישט גיין אויף די נערוון.**

ווי אויך אז דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט אין יעדע זאך דעם אייבערשטן, אבער מיט חכמה אז ס'זאל נישט גיין אויף די נערוון.

און די פערטע זאך איז געווען אז דער ראש ישיבה האט אריינגענומען די קינדער אין יעדע זאך ס'זאל זיין אינטערעסאנט פאר די קינדער לויט זייער שפראך, יעדע זאך צוגעלייגט קאפ אז די קינדער זאלן אויך זיין א חלק פון דעם.

# קלאסיפייד'ס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM








א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449




## Great news!

### Daytime babysitting in Shtetl!!

A warm and safe place to drop off your baby.

*Shopping spree

*Appointments

*Run errands

Call F. Jacobovitch
646-771-6936

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג 347-461-2244

יואל וועבערמאן - 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה - 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן 845-492-0566

ראובן בירנבוים 347-549-5625

גרעסערע דירה - 917-541-1197

---

ווייסט איר פון א באקאנטן אדער א גוטן פריינד וואס האט א הארץ און א געפיל צו דעם הייליגן פלאץ און וואלט געוואלט געבן שיינע סכומים ארויסצוהעלפן די איינגעשטעלטע פון אונזער מוסד

רופא מרדכי לייב טירנויער - 845-537-7477

---





## Garden House Suites

5 one bedroom suites available for weekends etc.

Call

646-565-0966

---

BRAND NEW

Two beautiful pairs of shoes to sell for a great price.

Black one: size **40** weekday shoe for teens/ ladies. Has taps already. Price **50$.**

Brown one: Size **39- 40.** Price **25$.**

Call Eisner: **718-675-6854**

---

## KB Seamstress

Professional Finish, Best Prices

For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use.

Looking forward to serve you.

**Mrs. Weberman - 136 HUschke Rd**

845-662-4083

# קרית ברסלב בלעטל
## קינדער אפטיילונג
### פרשת וישלח

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**די וועלט נארט אייך**

א. איר זאלט נאר נישט נארן די וועלט
ב. לאזט אייך נישט נארן
ג. קוקט וואס איר האט אין די האנט
ד. במילא זענט איר גרויסע נארנים

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע

**שמוציגע פלעקן**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אלעזר ארי' פעלבערבוים נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ | י | ט | ע | פ | ע | ס |
| ק | צ | ב | ח | ג | ב | א | ו | נ | ב | י | ו | ל | ר | א |
| ד | ע | מ | א | ב | ב | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ |
| ד | פ | ט | ז | נ | ק | ש | ו | א | א | נ | ה | ו | כ | י |
| א | ח | ש | ז | ע | ט | ל | ס | ר | ו | י | ד | ד | ע | מ |
| נ | נ | י | ע | ב | נ | ר | מ | א | ו | ו | נ | ו | ל | צ |
| ק | א | ו | ז | ש | ע | ע | מ | ו | ל | ט | ו | ו | צ | נ |
| ט | ה | ת | פ | ס | ו | ו | נ | ר | ש | ע | ע | פ | כ | ש |
| א | ז | ר | ע | ר | צ | ע | ב | ר | נ | ס | ג | מ | ו | ט |
| ר | י | ב | ע | ס | מ | ד | ע | נ | ע | נ | ט | ע | ר | נ |
| י | ד | ז | א | ג | ט | ב | א | ד | ע | מ | ע | נ | ד | ע |
| פ | א | ד | ע | י | י | ט | ק | נ | א | ד | ג | ט | י | מ |
| פ | נ | ט | ה | י | י | ל | מ | מ | ק | ח | ע | ש | פ | ש |
| א | ק | ש | א | ס | ה | ב | י | מ | פ | ע | א | א | י | ז |
| ר | ע | ל | ר | מ | א | ס | ע | י | מ | ל | נ | פ | ד | ד |
| ה | נ | ע | ה | ר | נ | ד | ו | ר | ה | ר | ב | י | ו | ה |
| א | ד | כ | ב | ב | ט | א | ל | ט | ש | ז | א | ה | כ | נ |
| נ | ב | י | ו | ל | א | ג | מ | ק | א | ט | מ | ו | ב | ו |
| א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ | ו | ה | נ | ע | נ | א |
| ט | נ | ס | ק | ט | א | י | ז | י | נ | ח | ד | ט | ר | ש |

דער הייליגער רבי זאגט אז **די טעג פון חנוכה זענען טעג פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע נסים,** דאס איז שעשוע עולם הבא; ווען א מענטש דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן איז דאס 'עולם הבא', עס איז נישט פאראן עפעס בעסערס פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און ווי מער א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן איז ער נענטער צום אייבערשטן.

(עצת אמונה פרשת מקץ תשע"ט)

## טרעף
די וועג

טרעף די וועג ביז אנגעטאן בזריזות!





## שיחות פון רבי'ן
## פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיר די בילד??




### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי' האט געזאגט: "צווישן מיר און משיח איז נישטא קיין חילוק, חוץ איין זאך, ביי משיח וועט שוין נישט זיין קיין בחירה, ביי מיר איז נאך דא!"

## א שטיקעלע
## ספר המדות

# אַהֲבָה

**א. כְּשֶׁאֵין אַהֲבָה בֵּין בְּנֵי אָדָם, עַל יְדֵי זֶה הֵם הוֹלְכֵי רָכִיל, וְעַל יְדֵי רְכִילוּת בָּאִים לְלֵיצָנוּת, וְעַל יְדֵי לֵיצָנוּת הֵם דּוֹבְרִים שֶׁקֶר.**

וֶוען מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, הוֹיבְּן זֵיי אָן רֶעדְן רְכִילוּת, אוּן דָאס רֶעדְן רְכִילוּת בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת, אוּן דוּרְךְ לֵיצָנוּת זָאגְן זֵיי לִיגְנְט.

דער רבי האט געשריבן אויף ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# טרעף די חילוקים

טרעף אויף יעדן דאונאט כאטש איין חילוק
צווישן די אויבערשטע און די אונטערשטע





א פריילעכן חנוכה!
אוי חנוכה אוי חנוכה א יום טוב א שיינע...

# עצת אמונה
בחינה

## עצת אמונה פרשת ויצא תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

2. רעד מיט יעדן איינעם דיבורי אמונה, אויך ביי די ארבעט מיט _____

4. אז מען לערנט _____ איז מען מכניע די קליפות

5. נאר מיט תפלה און אסאך _______ קען מען בלייבן ערליך און שטארק

7. נעם די הייליגע גמרא, דאס וועט דיך מאכן ______

10. רעד צום ______ אויך אן טרערן און אן געפיל

12. גוטע _____ מאכט געזונט די עלטערן

### פון אויבן אראפ

1. לייג אריין אין די קינדער א ליבשאפט צו גיין אנגעטון _____

3. פרוביר מיט אלע דיינע כוחות צו ______ צו יעדן איינעם

6. גוטע חברים וואס האבן _____ וואס שפעטן נישט פון צדיקים

8. גיי אן מיט גוטע זאכן און פלוצליג וועט קומען דיין _____

9. העלף דעם _____ מיט געטריישאפט

11. נאר מיט תפלה קען מען פועלן א _____



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצת אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצת אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנט



ישראל דוד וויינבערגער נ"י - מאנסי



אברהם נחמי וויינבערגער נ"י - מאנסי



יוסי און פייגעלע פרידריך - וויליאמסבורג



דינא יאקאבאוויטש תחי' - קרית ברסלב



משפחת אפפעל - קרית ברסלב



שרה און אליעזר שלמה יאקאבאוויטש - קרית ברסלב



# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

מרדכי פאפנהיים נ"י - ירושלים פארציילט:










אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג






אנגעקומען פרישע ארדער פון פאפיר ביים בית הדפוס עצתו אמונה אין יבנאל - ב׳ ויצא תשפ״ד



אנשי שלומינו לערנען זיך דרייוון א באס צו קענען העלפן די מוסד - ב׳ ויצא תשפ״ד



קרעדיט: יוחנן שור



קרעדיט: יוחנן שור

פרייליכע חתונה פון החתן תלמיד הישיבה משה בלוי נ״י אין שטאט צפת - ג׳ ויצא תשפ״ד



קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט״א פארברענגט ביי פרישטאג מיט די בחורים אין ישיבה - ד׳ ויצא תשפ״ד



קרעדיט: שמעון פיש

די כולל אינגעלייט ביים זיך פארהערן ביים דיין שליט״א - ה׳ ויצא תשפ״ד





לחיים ביים בית הוראה שטיבל 'עמק יחזקאל' אין שטעטל - ה' ויצא תשפ"ד







דער ראש ישיבה שליט"א ביים שפאצירן מיט די כולל אינגעלייט אין שטעטל - ה' ויצא תשפ"ד




ברית לילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה יעקב גוטמאן הי"ו - אין בראכפעלד יום ה' ויצא




אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו - ה' ויצא







חתונה פון החתן חיים מאיר ערפס הי"ו - ה' ויצא





מסיבת בן גמלא אין בארא פארק













ילד שעשועים אין שטעטל הערליך אהערגעשטעלט
מיט אלע צוגעהערן וואס פעלט זיך אויס



הערליכע באלעמער און טשילאר נתנדב געווארן צום
ביהמ"ד עצתו אמונה אין שטעטל - ה' ויצא תשפ"ד




נייע סיין מיטן שם הנדבן ביי די בור הטבילה אינעם מקוה
טהרה ביים ביהמ"ד עצתו אמונה אין שטעטל - ה' ויצא